**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באקומער פון דעם עמפייער סטעיט לערער אויסצייכענונג פרייז**

***פרייז אנעקענט P-12 54 פובליק סקול לערער וועלכע זענען אויסגעצייכנטע מוסטערן אין דער לערער פראפעסיע***

***פארעהרטע וועלן באקומען 5,000 דאלערדיגע סטיפענדיע צו שטיצן זייערע פראפעסיאנעלע שטודירונג געלעגנהייטן***

גאווערנער האקול האט גאווערנער קעטי האקול היינט אנאנסירט די באקומער פון דעם עמפייער סטעיט לערער אויסצייכענונג פרייז. 54 P-12 פובליק סקול לערער זענען באלוינט געווארן פאר זייערע איינדרוקספולע געניטשאפט אלס בילדונגס פראפעסיאנעלן און איבערגעגעבנקייט צו ערפאלג פאר אלע זייערע סטודענטן.

״בעפאר, דורכאויס, און אזוי ווי מיר ציען זיך ווייטער פון דער פאנדעמיע, האבן זיך לערער זעלבסטלאז באוויזן פאר אונזערע קינדער און עס קומט זיך זיי אונזערע אומגעהויערע דאנקבארשאפט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״עס איז אוממעגליך צו אנערקענען יעדע איינציגע פאר זייערע שווערע ארבעט און מי, אבער עס פריידט מיך צו גראטולירן 54 אויסגעצייכנטע לערער פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו זייערע סטודענטן. זיי פארמאגן אין זיך די ווערד און שטימונג וואס יעדע בילדונגס פראפעסיאנעל דארף האבן, און איך אפלאדיר זיי פאר׳ן אינספירירן טויזנטער קינדער לענגאויס אונזער גרויסער סטעיט.״

די באשאנקענע זענען באלוינט געווארן נאך א ברייטע אפליקאציע פעריאדע, וואו עטליכע ניו יארק סטעיט פראפעסיאנעלע בילדונג פאראיינען זענען געווען באשעפטיגט אין דעם אויסוועהלן פראצעס. צו אנערקענען זייער טריישאפט צו סטודענט ערפאלג, וועלן באלוינטע באקומען א 5,000 דאלערדיגע סטיפענדיע אויסגעטיילט דורכ׳ן סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק צו זיין אנווענדליך פאר פראפעסיאנעלע שטודיר געלעגנהייטן אויף פארצוזעצן ווייטער צו אנטוויקלען זייער וויסנשאפט און קענטעניס וועלכע וועלן ווייטער שטיצן סטודענטן צו קענען העכער שטייגן.

**סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק צווישנצייטיגע קאנצעלאר דעבארע עף. סטענלי האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז אז SUNY קען האבן א חלק אין אנערקענען אונזערע טאלאנטפולע און געטרייע לערער. די באקומער שטעלן דעם סטאנדארט אויף וואס עס באדייט צו ווירקזאם אינספירירן יונגע סטודענטן זיך איבערצוגעבן און הנאה האבן פון לערנען. איך שיק מיינע קאנגראטולאציעס צו די באשאנקענע און איך דאנק אלע אונזערע לערער פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו בילדונג וואס בויט הצלחה און קאנפידענץ אין סטודענטן אין דעם קלאסרום און ווייטער.״

באקומער וועלן אויך באזארגט ווערן פראפעסיאנעלע מיטטיילונג געלעגנהייטן אויף אנצוגעבן איינזעעניש אויף זייער ערפאלגרייכע אויסלערנונג פירונגען, קוריקולום און אנווייזונג, און פראפעסיאנעלע לערנונג. די באלוינטע וועלן אויך ארבעטן מיט ראיאנישע אנטוויקלונג פירער, אוניווערסיטעט פירער אין לערער בילדונג, פּאָליסי-שאפער און שולע פירער אויף זיי צו ראטן אויף ריכטונג-גאנגען אין בילדונג.

די אנערקענטע קומען פון צען ראיאנען לענגאויס דעם סטעיט און רעכענען אריין 24 לערער מיט מערערע אויסשול סערטיפיקאציעס און די וועלכע באזארגן אנווייזונג און שטיצע אין קאָונסלינג, עלעמענטארע בילדונג, פאמיליע און קאָנסומער וויסנשאפט, ליינען-פעאיגקייט, מאטעמאטיק, מוזיק, וויסנשאפט, סאציעלע שטודיעס, סטודענטן מיט אומפעאיגקייטן, TESOL, און וועלט שפראכן. די אויסגעוועלטע באקומער זענען שוין אין זייער לערער פאסטנס דורכשניטליך איבער 16 יאר.

פאר א פולע ליסטע פון די באשאנקענע, דרוקט [דא](#).

**סטעיט סענאטאר שעלי מייער האט געזאגט,** ״קאנגראטולאציעס צו די וועלכע באקומען דעם עמפייער סטעיט לערער אויסצייכענונג פרייז. איר גייט העכער און ווייטער יעדן טאג און העלפן אונזערע סטודענטן צו קענען בליען אין און אויסער׳ן קלאסרום. א דאנק אייך פאר אלץ וואס איר טוט.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל בענעדעטא האט געזאגט,** ״איך לויב אלע באשאנקענע פאר זייערע שווערע ארבעט און טריישאפט, פאר׳ן אינוועסטירן אין אונזער טייערסטע אוצרות — אונזער יוגנט. איך דאנק אויך גאווערנער האוקול פאר אנערקענען אזויפיל בילדונגס פראפעסיאנעלן וועלכע גייען העכער און ווייטער פאר זייערע סטודענטן יעדן איינציגן טאג. אלס א דרייסיג-יעריגער מיטגליד פון דער לערער פראפעסיע, ווייס איך אז מיר האבן נאך א ווייטן וועג צו גיין בעפאר לערער ווערן פאסיג רעספעקטירט און באצאלט ווי עס קומט זיך פאר זייער פראפעסיע. די אויסצייכענונגען זענען א גוטע ערשטע פרואוו.״

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**

דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז דער גרעסטער אויספירליכע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישן אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון סיי וועלכע פון די SUNY׳ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. לענגאויס דעם סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי דענטעל סקולס, א געזעץ שולע, דער סטעיט׳ס איינציגסטער קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פארוואלטעט איין יו-עס דעפארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סה״כ סערווירט SUNY ארום 1.3 מיליאן סטודענטן אין קרעדיט-שענקנדע קורסן און פראגראמען, אנגייענדע בילדונג, און קאמיוניטי אריינציע פראגראמען. SUNY טוט אויך אויפזען אויף באלד א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג הוצאות לענגאויס דעם סיסטעם זענען באלד 1.1 ביליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2021, אריינגערעכנט באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען פאראן איבער דריי מיליאן SUNY אלומנע איבער דער וועלט, און איינס פון דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דיפלאם איז א גראדואירטער פון SUNY. אויף זיך צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418